# פרשת וישלח

## משיחת י״ט כסלו ה׳תשמ״א

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

גלייך אין דעם אָנהויבס פון דער סדרה, דערציילט מען דאָרטן, אַז ״וישלח יעקב מלאכים״, און צו וועמען האָט ער געשיקט? — ״אל עשו אחיו ארצה שעיר, לאמר״, וואָס זאָלן זיי אים זאָגן? — ״עם לבן גרתי ואחר עד עתה״.

איז שטעלט זיך רש״י אויף ״עם לבן גרתי״, און זאָגט, אַז ״גרתי״ איז דאָך דאָס בגימטריא תרי״ג, אַז יעקב האָט אָנגעזאָגט די שלוחים, אַז זיי זאָלן זאָגן עשו׳ן, אַז ״עם לבן גרתי״, און פונדעסטוועגן ״לא למדתי מדרכיו ותרי״ג מצוות שמרתי״.

וואָס אָט דאָ פרעגן דאָך אַלע די שאלה:

בשעת ער האָט דאָס געשיקט צו עשו׳ן, האָט ער דאָך אים געדאַרפט איבערגעבן אַזוינע זאַכן וואָס זיי וועלן אויסנעמען אָדער האָבן אַ השפעה אויף עשו׳ן. בדוגמא ווי ער האָט אים געשיקט אַ מנחה, כדי ס׳זאָל זיין ״אמצא חן בעיניך״, על דרך זה די כמה פרטים ווי ער האָט געשיקט די שלוחים, אַז ״כה תאמרון״.

און דערנאָך זאָגט מען, אַז גלייך אין תחילת הדיבור מיט עשו׳ן דאַרפן זיי אים אָנזאָגן, אַז ״עם לבן גרתי ותרי״ג מצוות שמרתי״!

די גמרא זאָגט, אַז עשו האָט געהאַט אַ דין פון ״**ישראל מומר**״, דאָס הייסט פון אַ אידן, נאָר וואָס ער פירט זיך פאַרקערט ווי אַ איד דאַרף זיך פירן.

וואָס די הוראה בזה איז, אַז ניט ווי מ׳האָט אַ טעות און מ׳מיינט, אַז בשעת מ׳דאַרף פועל זיין אויף אַ צווייטן אידן ער זאָל ווערן נאָך פרימער ווי ער איז געווען פריער — דאַרף מען מוותר זיין און אָפּלאָזן עפּעס פון אידישקייט, וואָס דורך דערויף איז מען ביי אים נושא-חן און דערפאַר וועט ער פאָלגן —

זעט מען, אַז ס׳איז פונקט פאַרקערט:

בשעת מ׳קומט צוגיין צו אַ אידן, וועלכער איד ס׳זאָל ניט זיין, און מ׳זאָגט אים, אַז ״תרי״ג מצוות שמרתי״, אַז ער האַלט זיך מיט די גאַנצע שטאַרקייט באַ אידישקייט,

און ניט נאָר ער **שעמט זיך ניט** דערמיט, נאָר **אדרבה**, בשעת ס׳קומט פו אים אַ שליח, וואָס ״שלוחו של אדם כמותו״, ווען ער אַליין רעדט — איז די התחלה זיינע איז, אַז מ׳זאָל וויסן זיין, אַז ניט נאָר ער **שעמט זיך ניט** מיט אידישקייט, און ניט נאָר אַז ער האַלט אידישקייט פאַרשלאָסן באַ זיך אין דל״ת אמות, באַ זיך אין הויז, נאָר פאַרקערט, אַז בשעת ״עם לבן גרתי״, וואו ער זאָל זיך ניט געפינען, אפילו ווי רש״י טייטשט אָפּ, אַז ״גרתי״ איז אויך פון לשון גר, ער געפינט זיך דאָרט אַלס אַ גר, איז ניט נאָר **ער שעמט זיך ניט** דערמיט, נאָר אדרבה — ער איז **מכריז ומודיע**, אַז ער האַלט זיך באַ די אַלע מצוות וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן.

און יעקב האָט גוט געוואוסט און גוט פאַרשטאַנען ווי אַזוי מ׳קען פועל זיין אויף עשו׳ן,



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת וישלח

און נאָכמערער: תורה האָט דערפון געמאַכט אַ הוראה און אַן אָנווייזונג פאַר יעדער אידן, ווי אַזוי ער זאָל רעדן מיט אַ צווייטן אידן, וואָס זיכער וויל ער דאָך (אויף אים) אים טאָן גוט און מאַכן אים נאָך בעסער ווי ער איז געווען ביז איצטער, איז ניט דער סדר און דער וועג אין דעם איז, אַז ער זאָל אים זאָגן, אַז ער איז ניט ווי אַ איד דאַרף זיין, ווי אַלע פעלקער, נאָר וואָס דען? מ׳דאַרף זיין נאָך בעסער –

נאָר ער זאָל אים דערציילן דעם אמת, אַז מ׳געהערט צו אַ פאָלק וואָס יעדער איד איז (אַ מאמין בני) "מאמינים בני מאמינים", במילא איז היט ער אָפּ אַלע תרי"ג מצוות,

און דוקא דורך דעם האָט דער צווייטער איד צו אים אַ צוטרוי – אַז ער באַהאַלט זיך ניט און ער מאַכט נישט קיין פשרות און ער אים וויל אים עפּעס ניט זאָגן מיט רמאות, נאָר ער זאָגט אים דעם אמת, אַז ער געהערט צו "מאמינים בני מאמינים".

און אָט דעמאָלט האָט מען די הבטחה: וויבאַלד אַז ער איז אַ איד, איז ווי דער רמב"ם פסק׳נט, אַז יעדער איד, אין וועלכן מעמד ומצב ער איז, וויל ער אָפּהיטן אַלע תרי"ג מצוות, סיידן ס׳טרעפט אַמאָל אַז "יצרו אנסו" – איז דאָס ניט ער, נאָר ער איז אַן אנוס דורך דעם יצר הרע, אָבער ער איז אין אַ מעמד ומצב פון "תרי"ג מצוות שמרתי".

און דוקא דעמאָלט, ווען ער רעדט צו אַ צווייטן אידן מיט אַן אָפּענער האַרץ, און דערציילט אים ווער ער איז, אַז ער איז יעקב׳ס אַן אייניקל, און אַז ער האָט בירושה תורת משה, און תורת משה אינגאַנצן,

און דערפאַר, ווען אַן אור-אייניקל פון יעקב׳ן קומט צוגיין רעדן צו אַ צווייטן אידן, וואָס זיכער וויל ער דורך דערויף מאַכן דעם צווייטן אידן אַ טובה און טאָן אים נאָך בעסער און נאָך מערער – איז די התחלה בזה איז, אַז "תרי"ג מצוות שמרתי", וואָרום אָט דאָס איז די מציאות פון אַ אידן, (ווי געזאָגט פון דע) ווי דערמאָנט פון דעם רמב"ם,

און אָט דעמאָלט איז מען מצליח, ווי דער המשך הסיפור אין פרשת וישלח, אַז סוף כל סוף ווערט נתהפך פון דעם ישראל וואָס ער איז געווען אין אַ מעמד ומצב פון עשו׳ן, ביז וואַנענט אַז "ויחבקהו וישקהו" און "ויבכו" און זיי ווערן מיט דער גרעסטער ליבשאַפט און קירוב ווי ס׳קען זיין.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.